בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

גליון ק"ס

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת קרח (באר"י חקת)
שנת תשפ"ו

## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### - פְּלַאנְצְן דוֹרוֹת -

#### דִי עֲבוֹדָה פוּן חִינּוּךְ אִיז שְׁווֶער אָבֶּער עֶס לוֹינְט זִיךְ

דִי עֲבוֹדָה פוּן חִינּוּךְ אִיז נִישְׁט קַיין גְרִינְגֶע אַרְבֶּעט. עֶס אִיז נִישְׁט וִוי אַ גֶעשֶׁעפְט וָואס מֶען קֶען אוֹיסְשְׁטֶעלְן אֵיין מָאל אַ מַהֲלָךְ וִוי אַזוֹי עֶס זָאל זִיךְ פִירְן אוּן עֶס זָאל בְּלַייבְּן סְטַאבִּיל. מְחַנְּכִים דַארְפְן יֶעדְן טָאג אַרְבֶּעטְן פוּנְדָאסְנֵיי אוּן זוּכְן עֵצוֹת וִוי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיט גֶעווִיסֶע קִינְדֶער, וִוי אַזוֹי צוּ מַאכְן פְרֵיילִיךְ אִין כִּתָּה אוּן זֶען אַז דִי פְרֵיילִיכְקֵייט זָאל נִישְׁט שְׁטֶערְן דָאס פָאלְגְן אוּן אוֹיסְהֶערְן וָואס מֶען פַארְלַאנְגְט, צוּ מַאכְן דִי שִׁיעוּרִים גֶענוּג אִינְטֶערֶעסַאנְט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

וּבִפְרַט פַאר אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן אִיז עֶס אַ מוֹרָא'דִיגֶע זַאךְ אַז זֵיי גֶעבְּן אַוֶועק פוּן זֵייעֶר צַייט, וָואס זֵיי וָואלְטְן גֶעקֶענְט נִיצְן אַרוֹיסְצוּגֵיין אַיינְקוֹיפְן אָדֶער שְׁפַּאצִירְן, אָדֶער סְתַּם אַזוֹי זִיצְן אִינְדֶערְהֵיים אוּן זִיךְ אוֹיסְלוּפְטֶערְן פוּן זֵייעֶר טֶעגְלִיכֶע הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן וַואשְׁן דִי וֶועשׁ אוּן קָאכְן נַאכְטְמָאל; דָאךְ גֶעבְּן זֵיי אַוֶועק פוּן זֵייעֶר צַייט צוּ קוּמֶען לֶערְנֶען מִיט אִידִישֶׁע טֶעכְטֶער, כְּדֵי אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אִידִישֶׁע דוֹרוֹת פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען דַארְף אָבֶּער ווִיסְן אַז עֶס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע זְכִיָּה אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אִידִישֶׁע דוֹרוֹת, אוּן דִי אַרְבֶּעט לוֹינְט זִיךְ זֵייעֶר.

#### אַרַיינְלֵייגְן דֶעם צַעַר אוּן פְּלָאג אִין גוּטֶע פְּלֶעצֶער

רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קיט), אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זֵייעֶר אַסַאךְ רֶעדְן פוּן דֶעם עִנְיָן אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט יִסּוּרִים; עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין מֶענְטְשׁ וָואס זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין יִסּוּרִים. אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן וָואס מֶען מֵיינְט אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין יִסּוּרִים וַוייל זֵיי הָאבְּן אַסַאךְ גֶעלְט, כָּבוֹד, אוּן פַארְבִּינְדוּנְגֶען בַּיי הוֹיכֶע פִירֶער - זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת. עֶס קֶען זִיךְ טַאקֶע דַאכְטְן אַז זֵיי הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן, אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט פוּל מִיט וֵויטָאג אוּן יִסּוּרִים. דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַ רְאָיָה צוּ דֶעם פוּן אַ פָּסוּק (אִיּוֹב ה, ז): **"אָדָם לְעָמָל יוּלָּד"**, אַ מֶענְטְשׁ אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן זִיךְ צוּ פְּלָאגְן.

עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ רַאטֶעוֶועןן פוּן דִי יִסּוּרִים. דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה אִיז, מֶען זָאל נֶעמֶען דֶעם צַעַר אוּן דֶעם פְּלָאג אוּן עֶס אַרַיינְלֵייגְן אִין אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען בַּאקוּמְט שְׂכַר דֶערוֹיף; מֶען זָאל עֶס אַרַיינְלֵייגְן אִין תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת, אַזוֹי וֶועט מֶען כָאטְשׁ עֶפֶּעס פַארְדִינֶען דֶערְפוּן.

אָבֶּער אַז מֶען נֶעמְט דֶעם צַעַר אוּן פְּלָאג אוּן מֶען לֵייגְט עֶס אַרַיין אִין סְתַּם זַאכְן, אִיז עֶס אַ שָׁאד, וַוייל שְׁפֶּעטֶער וֶועט מֶען גָארְנִישְׁט הָאבְּן דֶערְפוּן.

#### גָארְנִישְׁט אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבְּן פוּן נַיינְצִיג יָאר צַעַר אוּן פְּלָאג

מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען עֶטְלִיכֶע יָאר אִין אַ קֶעמְפּ וָואס הָאט בַּאלַאנְגְט פַאר אַ נַיינְצִיג יֶערִיגֶער אִיד, וֶועלְכֶער הָאט נֶעבֶּעךְ נִישְׁט גֶעווּאוּסְט צוּפִיל אִיבֶּער אִידִישְׁקֵייט. זַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען אַנְטְלָאפְן פוּן רוּסְלַאנְד אוּן זִיךְ בַּאזֶעצְט אִין אַמֶערִיקֶע, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן אִים נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קַיין אִידִישֶׁע חִינּוּךְ. מִיר פְלֶעגְן אַרַיינְגֵיין צוּ אִים אִין בָּאנְגֶעלָאוֹ אִים אָנְטוּן תְּפִילִין, אוּן עֶר הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט אַז זַיין טַאטֶע הָאט אִים בְּלוֹיז אֵיין מָאל גֶעלֵייגְט תְּפִילִין - אִינֶעם טָאג פוּן זַיין בַּר מִצְוָה. שַׁבָּת פְלֶעגְט עֶר קוּמֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט וִוי מֶען זִינְגְט דִי שַׁבָּת'דִיגֶע נִיגוּנִים פְלֶעגְט עֶר זִיךְ צֶעוֵויינֶען אוֹיפְן קוֹל וִוי אַ קְלֵיין קִינְד. מֶען הָאט דֶעמָאלְט גֶעזֶען וָואס עֶס מֵיינְט אַ אִידִישֶׁע נְשָׁמָה; אַז אֲפִילוּ עֶר אִיז אַזוֹי וַוייט פוּן אִידִישְׁקֵייט, הָאט עֶר אִין זִיךְ אַ נְשָׁמָה וָואס בֶּענְקְט אוּן וִויל זַיין גוּט.

דָארְט אִין יֶענֶעם קֶעמְפּ, אִין דִי זַייט פוּנֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אִיז גֶעלִיגְן אַן אַלְטֶע שִׁיף; עֶס הָאט זִיךְ דָארְט אָנְגֶעזַאמְלְט זַאמְד אוּן אַרוֹיסְגֶעוַואקְסְן גְרָאז. פְלֶעג אִיךְ וַוייזְן פַאר דִי בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה: קוּקְט וָואס עֶס גֶעשֶׁעט מִיט אַ מֶענְטְשׁ; דֶער אִיד הָאט זִיךְ נַיינְצִיג יָאר גֶעפְּלָאגְט אִין זַיין לֶעבְּן, עֶר הָאט זִיךְ עֶרְלוֹיבְּט צוּ קוֹיפְן אַ קֶעמְפּ, אַ שִׁיף אוּן נָאךְ אַנְדֶערֶע זַאכְן, אָבֶּער וָואס אִיז אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבְּן פוּן דִי אַלֶע זַאכְן? גָארְנִישְׁט! יֶעצְט וֶוען עֶר אִיז אַלְט נַיינְצִיג יָאר, קֶען עֶר שׁוֹין נִישְׁט גֵיין אוֹיף דִי פִיס, אוּן זַיין שִׁיף לִיגְט דָא אִין אַ זַייט אוּן שִׁימְלְט אָפּ. עֶס אִיז גָארְנִישְׁט אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבְּן פוּן זַיין גַאנְצֶע צַעַר אוּן פְּלָאג. אָבֶּער אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ לֵייגְט אַרַיין זַיין מִי אוּן פְּלָאג אִין תּוֹרָה וּמִצְוֹת, אוּן אִין טוּן גוּטֶע זַאכְן פַאר דִי וֶועלְט, בְּלַייבְּט דָאס אִיבֶּער אוֹיף אֵייבִּיג.

#### אִיךְ פְּלַאנְץ אַיין פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע דוֹרוֹת

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כג.): עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, חוֹנִי הַמְעַגֵּל. אֵיין טָאג, וֶוען עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אוֹיפְן וֶועג אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט מִיט זַיינֶע אֵייזְלֶען, הָאט עֶר גֶעזֶען וִוי אַ מֶענְטְשׁ פְּלַאנְצְט אַיין אַ בּוֹים, הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: **"וָואס פְּלַאנְצְטוּ?"** הָאט דֶער מֶענְטְשׁ גֶעעֶנְטְפֶערְט: **"אַ בָּאקְסֶער בּוֹים"**, הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: **"וִויפִיל יָאר וֶועט נֶעמֶען בִּיז דֶער בּוֹים וֶועט אָנְהֵייבְּן גֶעבְּן פֵּירוֹת?"** הָאט דֶער מֶענְטְשׁ גֶעעֶנְטְפֶערְט: **"זִיבֶּעצִיג יָאר"**, הָאט אִים חוֹנִי הַמְעַגֵּל גֶעפְרֶעגְט: **"בִּיסְטוּ דֶען זִיכֶער אַז דוּ וֶועסְט נָאךְ לֶעבְּן אִין זִיבֶּעצִיג יָאר אַרוּם? דוּ בִּיסְט דָאךְ שׁוֹין אַן עֶלְטֶערֶער אִיד, אוּן דוּ וֶועסְט שׁוֹין נִישְׁט לֶעבְּן נָאךְ זִיבֶּעצִיג יָאר"**, הָאט אִים דֶער מֶענְטְשׁ גֶעעֶנְטְפֶערְט: **"אִיךְ**

**פלאנץ עס נישט פאר מיר, איך פלאנץ עס פאר מיינע קינדער; פונקט ווי ווען איך בין געבוירן געווארן האב איך געטראפן א באקסער בוים וואס מיינע עלטערן האבן יארן צוריק געפלאנצט, אזוי פלאנץ איך אויך פאר מיינע קומענדיגע דורות".**

די מעשה ברענגט ארויס די ארבעט פון מחנכים. דאס וואס מיר זענען ערליכע אידן, איז נאר געשען דורך דעם וואס מיר זענען געגאנגען אין אן ערליכע מוסד, וואו געטרייע מענטשן האבן זיך אפגעגעבן און געלערנט מיט אונז. זיי האבן זיך געפארעט און געמוטשעט מיט אונז; זיי זענען אויך אהיימגעגאנגען סוף טאג אינגאנצן צעטראגן אז די קינדער פאלגן נישט, און זיי האבן פרובירט יעדן טאג אויפצוקומען מיט פרישע עצות ווי אזוי צו מאכן די קינדער פאלגן, ביז צום סוף זענען מיר אויסגעוואקסן ערליכע אידן.

יעצט איז אונזער צייט צו טון דאס זעלבע ווייטער פארן קומענדיגן דור.

### אונזערע כחות און מוטשעניש זאלן כאטש גיין פאר גוטע זאכן

איך וועל אייך דערציילן א מעשה וואס איך האב ארויסגענומען דערפון מורא'דיגע התחזקות, און עס איז זייער פאסיג פאר אלע מחנכים.

אמאל איז א פרוי געקומען צום הייליגן סטייפלער גאון זכר צדיק לברכה און איר אנגעפרעגט, אז זי האט שוין צוויי קינדער און זי פילט אז זי האט נישט קיין כח מער וכו'. האט דער גאון איר געזאגט אזוי: אויב איר האט נישט קיין כח - איז נישט, די תורה פארלאנגט נישט פון א מענטש צו טון איבער די כחות און שטארבן. אבער איר זאלט וויסן, ראש השנה ווען מען שרייבט אפ די פרנסה פארן יאר, שרייבט מען אויך אפ די כחות פונעם יאר; וויפיל נעכט מען וועט קענען שלאפן געהעריג און וויפיל נעכט מען וועט נישט קענען שלאפן. מיינט נישט אז מיט דעם וואס איר וועט זיך נישט דארפן פלאגן מיט קינדער, וועט איר האבן מער כח.

סיי די מאמע וואס האט אסאך קינדער און סיי די מאמע וואס האט ווייניג קינדער, שלאפן די זעלבע ביינאכטס; ביידע האבן זאכן וואס לאזן זיי נישט איינשלאפן. אבער וואס האט מען יארן שפעטער פון די נעכט וואס מען האט נישט געקענט שלאפן, אויב אנשטאט דעם איז מען געווען פארנומען מיט אנדערע שטותים און נארישקייטן? דעמאלט בלייבט גארנישט איבער פון די אלע נעכט.

עס איז פונקט ווי מען צינדט אן א צוגארעטל, וואס נאכן אויסברענען האט מען מער גארנישט דערפון... אז מען שלאפט ממילא נישט, זאל מען זיך כאטש אפגעבן מיט די קינדער; וועט ארויסקומען פון די שלאפלאזע נעכט - אידישע דורות.

דאס איז מורא'דיגע חיזוק פאר אידישע מאמעס און אויך פאר יעדן מחנך. א מחנך טראכט: 'איך ארבעט אזוי שווער, איך האב שוין נישט קיין כח צו קומען לערנען מיט די קינדער'; ווער רעדט נאך ווי שווער עס איז ווען מען דארף זיך ארויסשלעפן פונדערהיים אין די שווערע פרעסטן און שנייען.

מיינט אבער נישט אז א מענטש וואס ארבעט נישט אין א מוסד פלאגט זיך ווייניגער; יעדער מענטש האט זאכן וואס גייען נישט פינקטליך ווי אזוי ער וויל, און ענינים מיט וואס ער דארף זיך מוטשען. דערפאר דארף מען דאנקען דעם אייבערשטן אז אונזערע כחות און מוטשעניש גייען כאטש אוועק פאר גוטע און הייליגע זאכן.

### א צווייטער איז נישט מער אויסגערוט פונעם מחנך

איין טאג האב איך געטראפן מיין חבר מיט וועמען איך האב אינאיינעם געלערנט אלס בחור אין ישיבה. איך פרעג אים: "**וואס טוסטו איבערן טאג?**" ענטפערט ער מיר: "**איך האב נישט קיין ספעציפישע ארבעט, איך האלט נאך אינמיטן זוכן א פאסיגע ארבעט**", פרעגט ער מיר צוריק: "**און וואס טוסטו? דו זיצט נאכאלץ מיט די בחורים? איז דיר נאכנישט נמאס געווארן דיין ארבעט?**"

הערנדיג זיינע ווערטער האב איך געטראכט צו מיר: 'עס איז א גרויסע רחמנות אויף אזא מענטש. ביידע פון אונז זענען שוין איבער צוואנציג יאר נאך די חתונה, ביידע האבן א שטוב מיט קינדער, ביידע זענען פארנומען א חלק פונעם טאג צו פירן א שטוב מיט קינדער וכו', אבער וואס בלייבט איבער פון די איבעריגע שעות פונעם טאג ווען מען איז נישט פארנומען מיט די ווייב און קינדער?! ברוך ה' אז דער אייבערשטער האט מיר געגעבן די זכיה אז איך קען זיצן מיט קינדער און בחורים און רעדן צו זיי נאכאמאל און נאכאמאל אז 'עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט', און זיי אויסלערנען גוטע מדות, אז מען טאר נישט טשעפען, שלאגן אדער פארשעמען. איז ער דען מער אויסגערוט פון מיר?!'

### ברוך השם אז דאס געלט איז כאטש געגאנגען פאר גוטע זאכן

ווילאנג מוהר"ש האט געלעבט, פלעג איך כמעט יעדע וואך נאכן שיעור ליל שישי געבן פאר מוהר"ש פינף הונדערט דאלער (איך האב דעמאלט פארדינט גאר א הויכע געהאלט). איך טראכט צו מיר: 'ווען איך וואלט נישט געגעבן די אלע געלטער פאר מוהר"ש, וואו וואלט עס היינט געווען? וואלט איך געהאט אן אנגעפילטע קאסטן מיט געלט? ניין! דאס געלט וואלט ממילא נישט געבליבן ביי מיר, עס וואלט ערגעץ אנדערש אנגעקומען. דערפאר דאנק איך דעם אייבערשטן; ברוך השם אז דאס געלט איז כאטש געגאנגען פאר גוטע זאכן, און נישט פאר סתם שטותים והבלים'.

### סוף יאר זעט מען וואס מען האט אלץ אויפגעטון

דאס יאר גייט זייער שנעל פארביי. אט הייבט מען אן דעם ווינטער זמן, אביסל שפעטער הייבן שוין די בלעטלעך אן צו שפראצן, און דערנאך קומט שוין דער זומער זמן און דאס יאר איז פארביי. סוף יאר, ווען מחנכים קוקן צוריק און טראכטן: 'וואס האב איך אויפגעטון דאס יאר?' וועלן זיי זען אן אנגעפילטע יאר פון לערנען מיט קינדער. זיי האבן אויסגעלערנט די קינדער: אלף בית, עברי, פרשה, הלכות, רעכענען, שרייבן, נייען, און אזוי ווייטער. אפילו די וואס לערנען מיט די קינדער לימודי חול האבן אויך א הייליגע ארבעט, ווייל אינמיטן די לימודים פלעגט מען אריין אין די קינדער דעם אייבערשטן.

אזוי אויך די וואס האבן אנדערע פאזיציעס אין א מוסד, ווי למשל אן ארבעט אין אפיס צו מסדר זיין אז די לעקטער און די אינשורענס (ביטוח) זאלן ווערן באצאלט, אדער צו זען אז די באסעס זאלן פארן ווי עס דארף צו זיין, און דאס גלייכן - זיי האבן אויך א חלק אין אלע זכותים וואס קומען ארויס פון די חינוך פון די קינדער. יעדער וואס העלפט צו אז א מוסד זאל קענען אנגיין, כדי אידישע קינדער זאלן קענען לערנען און באקומען א הייליגע אידישע חינוך, האט א חלק אין דעם חינוך פון די קינדער.

### מען שפארט זיך איין שווערע עגמת נפש אינדערהיים

מחנכים טראכטן אסאך מאל: 'איך האב שוין נישט קיין כח צו ארבעטן מיט קינדער, מען פאלגט מיר סיי ווי נישט, און מען פירט זיך אויף מיט חוצפה'. אבער איר זאלט וויסן: מען קען קיינמאל נישט וויסן וויפיל עגמת נפש מען שפארט זיך איין אינדערהיים מיט די אייגענע משפחה, דורך דעם וואס מען קומט אפ דעם ווייטאג מיט די קינדער אין כתה.

אויב עס איז באשערט פאר א מענטש פון הימל אז מען זאל אים אויסלאכן און נישט

פָאלְגְן, אָדֶער אַז אֵיינֶער זָאל אִים זָאגְן: **"אִיךְ פַייף דִיךְ אָן"** - מוּז דֶער מֶענְטְשׁ דָאס עֶרְגֶעץ וואוּ אַרִיבֶּערְגֵיין. וֶוען דָאס וָואלְט פַּאסִירְט אִינְדֶערְהֵיים דוּרְךְ דֶעם מַאן אָדֶער דִי וַוייבּ, אָדֶער דוּרְךְ דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער, וָואלְט עֶס דָאךְ גֶעוֶוען פִיל שְׁוֶוערֶער אוּן פִיל מֶער וֵויי גֶעטוּן. קוּמְט דָאךְ אוֹיס אַז עֶס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע חֶסֶד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דָאס פַּאסִירְט אִין כִּתָּה דוּרְךְ אַ פְרֶעמְד קִינְד; אַזוֹי אַרוּם וֶועט מֶען דָאס נִישְׁט דַארְפְן אָפְּקוּמֶען אִינְדֶערְהֵיים, וִויבַּאלְד מֶען אִיז שׁוֹין אָפְּגֶעקוּמֶען דָאס וָואס מֶען הָאט גֶעדַארְפְט אָפְּקוּמֶען.

אַנְשְׁטָאט טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת וִוי: 'אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ אַרְבֶּעטְן מִיט קִינְדֶער, מֶען פָאלְגְט מִיר סַיי וִוי נִישְׁט, אוּן מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף מִיט חוּצְפָּה, וָואס פֶעלְט מִיר אוֹיס צוּ קוּמֶען צוּ דִי קִינְדֶער?' זָאל מֶען טְרַאכְטְן: 'בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ וֶועל נִישְׁט דַארְפְן לַיידְן אִינְדֶערְהֵיים, וַוייל אִיךְ בִּין עֶס שׁוֹין אָפְּגֶעקוּמֶען אִין כִּתָּה, אוּן אִינְדֶערְהֵיים וֶועל אִיךְ וַוייטֶער קֶענֶען זַיין אָנְגֶענוּמֶען אוּן רֶעסְפֶּעקְטִירְט'.

## אוֹיסְלֶערְנֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ, אָבֶּער גֶעדֶענְקֶען אַז זֵיי זֶענֶען קִינְדֶער

וֶוען קִינְדֶער פִירְן זִיךְ אוֹיף מִיט חוּצְפָּה קֶעגְן אַ מְחַנֵךְ, צוּם בֵּיישְׁפִּיל: אֵיינֶער שְׁטֶעקְט אַרוֹיס דִי צוּנְג, אָדֶער אֵיינֶער מַאכְט מָאדְנֶע פַּאקְסְן הִינְטֶער זַיין רוּקְן, דַארְף מֶען וִויסְן בַּיי זִיךְ אַז עֶס אִיז נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ; מִיר הָאבְּן עֶס אוֹיךְ גֶעטוּן פַּאר אוּנְזֶערֶע מְחַנְּכִים אַלְס קִינְד, אוּן מִיר זֶענֶען נִישְׁט גֶעוֶוען שְׁלֶעכְט, נָאר פָּשׁוּט קִינְדֶערִישׁ.

דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען מֶעג חַס וְשָׁלוֹם צוּלָאזְן אַזַא סָארְט אוֹיפְפִירוּנְג בַּיי קִינְדֶער; מֶען מוּז אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער וִוי אַזוֹי עֶס אִיז רִיכְטִיג זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן אוּן מֶען דַארְף זַיין אוֹיף דֶעם זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג. מֶען מוּז אוֹיסְלֶערְנֶען 'דֶרֶךְ אֶרֶץ' סַיי פַאר דִי קִינְדֶער וָואס לֶערְנֶען יֶעצְט בַּיים מְחַנֵךְ, אוּן סַיי פַאר פַארְיֶערִיגֶע תַּלְמִידִים - אוֹיבּ זֵיי פִירְן זִיךְ אוֹיף מִיט חוּצְפָּה צוּם פַארְיֶערִיגְן מְחַנֵךְ. מֶען טָאר נִישְׁט זָאגְן: **"אִיךְ זָאג זֵיי גָארְנִישְׁט, וַוייל עֶס גֵייט מִיךְ נִישְׁט אָן אַז זֵיי פִירְן זִיךְ אוֹיף מִיט חוּצְפָּה קֶעגְן מִיר"**, נָאר מֶען דַארְף זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ.

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אָבֶּער, דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס נִישְׁט צוּ נֶעמֶען פֶּערְזֶענְלִיךְ צוּם הַארְץ אוּן טְרַאכְטְן: 'אִיךְ הָאבּ נִישְׁט פַארְוָואס צוּ קוּמֶען צוּ דִי קִינְדֶער...' מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען אַז וֶוען מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען קִינְדֶער הָאבְּן מִיר זִיךְ אוֹיךְ אַזוֹי אוֹיפְגֶעפִירְט, אוּן מִיר הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט אַז אוּנְזֶערֶע מְחַנְּכִים זָאלְן זִיךְ צוּלִיבּ דֶעם אָפְּזָאגְן פוּן דֶעם מוֹסָד; מֶען אִיז פָּשׁוּט גֶעוֶוען קִינְדֶערִישׁ אוּן מֶען הָאט בִּכְלַל נִישְׁט גֶעטְרַאכְט וָואס מֶען טוּט.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר דִי קִינְדֶער וָואס עֶס אִיז רִיכְטִיג צוּ טוּן, אָבֶּער אִינֶעוֵוייניג אִין הַארְץ זָאל מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט אוֹיבּ קִינְדֶער פִירְן זִיךְ אַזוֹי אוֹיף, וַוייל זֵיי זֶענֶען נָאךְ קִינְדֶער; מֶען דַארְף פָּשׁוּט פְרוּבִּירְן זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן מִיט זֵיי דָאס מֶערְסְטֶע וָואס מֶען קֶען.

## אַ צוּגַאנְג צוּ יֶענֶעמְ'ס קִינְדֶער אַזוֹי וִוי צוּ דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער

פַאר מֶען גֵייט אַרַיין אִין כִּתָּה זָאל מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען אוֹיסְקוּמֶען מִיט דִי קִינְדֶער אוּן אִיךְ זָאל זֵיי לִיבּ הָאבְּן. אִיךְ הָאבּ אַ קִינְד וָואס וִויל נִישְׁט פָאלְגְן, וָואס אִיךְ זָאג אִים טוּט עֶר פּוּנְקְט דָאס פַארְקֶערְטֶע, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי עֶר אִיז מַיין שׂוֹנֵא; וָואס זָאל אִיךְ טוּן מִיט דֶעם קִינְד? הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל טְרֶעפְן אַ גוּטֶע מַהֲלָךְ מִיט אִים, אוּן אִיךְ זָאל זִיךְ בַּאצִיעֶן צוּ אִים פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי אִיךְ וָואלְט גֶעוָואלְט אַז דֶער מְחַנֵךְ פוּן מַיין אֵייגְן קִינְד זָאל זִיךְ אוֹיפְפִירְן מִיט מַיין קִינְד, וֶוען עֶר טְרֶעפְט נִישְׁט קַיין שׁוּם וֶועג פַאר אִים".**

אַ מְלַמֵד הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט, אַז אִין זַיינֶע עֶרְשְׁטֶע יָארְן אַלְס מְחַנֵךְ פְלֶעגְט עֶר זַיין זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג וֶוען עֶס הָאט פַּאסִירְט אַז אַ קִינְד הָאט אַיינְגֶעמַאכְט אִין כִּתָּה; עֶר פְלֶעגְט גְלַייךְ אַהֵיימְשִׁיקְן דָאס קִינְד. אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער, וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן אוּן עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אֵייגֶענֶע קִינְדֶער, אוּן מֶען הָאט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן רוּפְן אִיבֶּער אַזֶעלְכֶע פַּאסִירוּנְגֶען מִיט זַיין קִינְד, הָאט עֶר אִינְגַאנְצְן גֶעטוֹישְׁט זַיין צוּגַאנְג. עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן פִילְן אוֹיף זִיךְ אַלֵיין דִי גֶעפִילְן פוּן עֶלְטֶערְן וֶוען אַזַא זַאךְ מַאכְט זִיךְ מִיט זֵייעֶר קִינְד אוּן מֶען שִׁיקְט אִים אַהֵיים; עֶר הָאט אַיינְגֶעזֶען אַז מֶען הַאנְדְלְט דָא מִיט דִי גֶעפִילְן פוּן דִי עֶלְטֶערְן אוּן פוּנֶעם קִינְד אַלֵיין.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ הָאט מִיר אַ בָּאס דְרַייוֶוער דֶערְצֵיילְט: אַמָאל פְלֶעגְט עֶר אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט וַוארְטְן; אוֹיבּ אַ קִינְד אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גְרֵייט, פְלֶעגְט עֶר גְלַייךְ אַוֶועקְפָארְן. אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער, וֶוען זַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין אִין חֵדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע, אוּן זַיין וַוייבּ פְלֶעגְט אִים רוּפְן מִיט וֵויטָאג אַז דֶער בָּאס אִיז אַוֶועקְגֶעפָארְן פוּן זֵייעֶר שְׁטוּבּ פַאר דִי קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוֶוען גְרֵייט, הָאט זִיךְ זַיין בְּלִיק אִינְגַאנְצְן גֶעטוֹישְׁט. הַיינְט טְרַאכְט עֶר שׁוֹין יֶעדֶעס מָאל וָואס אַ קִינְד אִיז נִישְׁט גְרֵייט: 'אֶפְּשַׁר לוֹיפְט יֶעצְט דִי מַאמֶע אַרָאפּ דִי טְרֶעפּ מִיט אִיר קִינְד, אוּן מֶען טָאר אִיר נִישְׁט אִיבֶּערְלָאזְן'.

## אַפָּאר יָאר אַרוּם זֶענֶען דִי קִינְדֶער אַלֵיין עֶלְטֶערְן אוּן מְחַנְּכִים

מְחַנְּכִים מוּטְשֶׁען זִיךְ אַסַאךְ מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן מֶען שְׁפִּירְט אַמָאל וִוי מֶען הַאלְט נָאךְ אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט מִיט זֵיי. עֶס זֶענֶען שׁוֹין אַרִיבֶּער עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים פוּנֶעם יָאר אוּן דִי קִינְדֶער פָאלְגְן נָאכְאַלְץ נִישְׁט, זֵיי לַאכְן זִיךְ נָאכְאַלְץ אוּנְטֶער. מֶען דַארְף זִיךְ אָבֶּער שְׁטַארְקְן אוּן אַרַיינְקוּמֶען מִיט פְרִישֶׁע כֹּחוֹת צוּ דִי קִינְדֶער, אוּן וִויסְן בַּיי זִיךְ דִי אֵייגֶענֶע חֲשִׁיבוּת: 'אִיךְ טוּ אַ מוֹרָא'דִיגֶע חָשׁוּבְ'ֶע אוּן הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט', אוּן צוּם סוֹף וֶועלְן אוֹיסְוַואקְסְן פוּן דִי קִינְדֶער עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת.

יֶעצְט זֶענֶען דִי קִינְדֶער טַאקֶע קְלֵיינֶע קִינְדֶער, אָבֶּער אִין אַפָּאר יָאר אַרוּם גֵייעֶן זֵיי זַיין דִי עֶלְטֶערְן, דִי מְחַנְּכִים, אוּן דִי וָואס וֶועלְן אָנְפִירְן דִי קְהִילָה אִינֶעם קוּמֶענְדִיגְן דוֹר. אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אַ מְלַמֵד פוּן עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער אַלְס וֶוערְטְל: גֶעבּ אַכְטוּנְג וִוי אַזוֹי דוּ גֶעבְּסְט זִיךְ אָפּ מִיט דַיינֶע תַּלְמִידִים, זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט צֶעקְרִיגְן מִיט דִי לֶעבֶּעדִיגֶע קִינְדֶער, וַוייל אִין צֶען יָאר אַרוּם וֶועלְן זֵיי פִירְן דִי שׁוּל; אֶפְּשָׁר וֶועט זִיךְ אֵיינֶער מַאכְן כְּאִילוּ עֶר זֶעט נִישְׁט אוּן פּוּנְקְט גֶעבְּן אַ שְׁטוּפּ דֶעם טִישׁ אִין דִיר אַרַיין, אוּן זִיךְ דֶערְנָאךְ פַארְעֶנְטְפֶערְן: **"אַנְטְשׁוּלְדִיגְט, אִיךְ הָאבּ אַייךְ נִישְׁט בַּאמֶערְקְט", וַוייל עֶר הָאט נָאךְ עֶפֶּעס אַן אַלְטֶע חֶשְׁבּוֹן מִיט דִיר פוּן חֵדֶר...**

## עֶס גֵייט אַרַיין אַ בְּרָכָה אִינֶעם טָאג

טֵייעֶרֶע מְחַנְּכִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאצָאלְט צוּרִיק זֵייעֶר שֵׁיין פַאר אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּענֶע מְחַנְּכִים וָואס גֶעבְּן אַוֶועק זֵייעֶר צַייט אוּן כֹּחַ פַאר אֵיין סִיבָּה: אוֹיפְצוּבְּרֶענְגֶען אַ דוֹר פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

זֵייעֶר אַסַאךְ מְחַנְכוֹת דֶערְצֵיילְן, אַז זַייט זֵיי אַרְבֶּעטְן אִין שׁוּלֶע אִיז אַרַיין אַ בְּרָכָה אִין זֵייעֶר טָאג. אַמָאל פְלֶעגְט זֵיי נֶעמֶען זֵייעֶר לַאנְג צוּ טְרֶעפְן קְלֵיידֶער בַּיים אַיינְקוֹיפְן, אָבֶּער זַייט זֵיי גֶעבְּן אַוֶועק פוּן זֵייעֶר צַייט צוּ לֶערְנֶען מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, הֶעלְפְט זֵיי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז זֵיי טְרֶעפְן גְלַייךְ וָואס זֵיי דַארְפְן. זַאכְן וָואס נֶעמֶען פַאר אַ צְוֵוייטֶע פְרוֹי אַסַאךְ שָׁעוֹת, גֵייט בַּיי זֵיי זֵייעֶר שְׁנֶעל אוּן גְרִינְג.

מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל הָאבְּן דִי רִיכְטִיגֶע סִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא צוּ קֶענֶען מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג, אוּן דוּרְךְ תְּפִלָּה וֶועט מֶען טַאקֶע זוֹכֶה זַיין צוּ אַסַאךְ הַצְלָחָה אוּן סִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא.

## ווי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַן עֵצָה מִיט אַ פַּארְחָלוֹמְ'ט קִינְד?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזוּק, וּבִפְרַט פַאר דִי חִיזוּק אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד, יֶעדֶעס מָאל וָואס אִיךְ הֶער עֶס שְׁטַארְקְט עֶס מִיר פוּן פְרִישׁ צוּרִיק צוּ לוֹיפְן צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ לִיכְטִיגֶער זוּן, עֶר אִיז אָבֶּער זֵייעֶר אַ פַּארְחָלוֹמְ'טֶער, עֶר קֶען זִיצְן שָׁעוֹת אוּן זַיין פַאְרנוּמֶען בְּלוֹיז מִיט זַיינֶע חֲלוֹמוֹת אוּן פַאנְטַאזִיעֶס. דֶער מְלַמֵּד הָאט נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען מִיט אִים, וַוייל עֶר שְׁטֶערְט נִישְׁט אִין קְלַאס, עֶר זִיצְט רוּאִיג אוֹיף זַיין פְּלַאץ, וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער צוּ קֶענֶען דָאס לֶערְנֶען, הָאט עֶר נִישְׁט אַנוּנְג וָואס מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט אִין חֵדֶר.

אִיךְ פְּרוּבִּיר אַבִּיסְל צוּ לֶערְנֶען מִיט אִים אִינְדֶערְהֵיים, אָבֶּער עֶס אִיז מַמָּשׁ ווִי קְרִיכְן אוֹיף דִי גְרָאדֶע וֶוענְט, נָאר וֶוען אִיךְ שְׁרֵיי אִים אָן אָדֶער אִיךְ גֶעבּ אִים אַ פֶּעטְשְׁל, דֶעמָאלְט וֶועקְט עֶר זִיךְ אוֹיף אוּן הוֹיבְּט אָן אַבִּיסְל אוֹיסְהֶערְן, אָבֶּער עֶס נֶעמְט נִישְׁט לַאנְג בִּיז וֶוען עֶר וֶוערְט ווִידֶער פַּארְחָלוֹמְ'ט, בִּיז אִיךְ גֵיי מַמָּשׁ אַרוֹיס פוּן דִי כֵּלִים, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע אוֹיסְוֶועג, וַוייל אִיךְ ווִיל נִישְׁט עֶר זָאל אוֹיסְוַואקְסְן אַ לֵיידִיגֶער שְׁטְרִיק.

אִיךְ וֵויס אַז עֶר אִיז נִישְׁט שׁוּלְדִיג, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים אַזוֹי בַּאשַׁאפְן, אָבֶּער אִיךְ קֶען אִים נִישְׁט לָאזְן אַזוֹי לוֹיפְן, אוּן דָאס וָואס אִיךְ רֶעג זִיךְ אוֹיף אִים קוּמְט דָאךְ נָאר מִיט אַ גוּטֶע כַּוָּונָה אִים צוּ שְׁטֶעלְן אִין פְּלַאץ.

ווִי אַזוֹי זָאל אִיךְ זִיךְ אוּמְגֵיין מִיט אִים?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ה אִיָּיר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דַיין זוּן אִים נִישְׁט צוּ פַארְשֶׁעמֶען אוּן אִים נִישְׁט צוּ צֶעקְלַאפְּן; אַז דוּ וֶועסְט אִים אוֹיפְהֵייבְּן וֶועסְטוּ עֶרְגֶעץ אָנְקוּמֶען מִיט אִים, אָבֶּער אוֹיבּ דוּ וֶועסְט אִים פַארְשֶׁעמֶען, דוּ וֶועסְט אִים בַּאטִיטְלֶען מִיט אַ צוּנָאמֶען 'חוֹלָם', אָדֶער 'פַאר'חָלוֹם'טֶער' וְכַדוֹמֶה, אָדֶער דוּ וֶועסְט אִים שְׁלָאגְן ה' יִשְׁמְרֵינוּ - וֶועסְטוּ אִים חָרוּב מַאכְן אִינְגַאנְצְן.

שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ, דֶער חָכָם פוּן דִי וֶועלְט לֶערְנְט אוּנְז ווִי אַזוֹי מְחַנֵּךְ צוּ זַיין קִינְדֶער (מִשְׁלֵי כב, ו): "חֲנֹךְ לַנַּעַר עַל פִּי דַרְכּוֹ, גַּם כִּי יַזְקִין לֹא יָסוּר מִמֶּנָּה"; דָאס הֵייסְט מֶען דַארְף מְחַנֵּךְ זַיין קִינְדֶער "עַל פִּי דַרְכּוֹ" - לוֹיט זַיין וֶועג. יֶעדֶעס קִינְד הָאט אַנְדֶערֶע נַאטוּרְן, אַן אַנְדֶערֶע מֹחַ אוּן אַן אַנְדֶערֶע וֶועג ווִי אַזוֹי עֶר וַואקְסְט, מֶען דַארְף גֵיין מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם אוֹיף זַיין וֶועג. אֵיינֶער אִיז אַ שַׁארְפֶער קָאפּ - דֶער צְוֵוייטֶער אִיז אַ גְרָאדֶער קָאפּ, אֵיינֶער אִיז אַ שְׁנֶעלֶער קָאפּ - דֶער צְוֵוייטֶער אִיז אַ שְׁטַייטֶער קָאפּ; מִיט יֶעדְן קִינְד דַארְף מֶען גֵיין אוֹיף זַיין וֶועג.

מִיר גֶעפִינֶען בַּיים הֵיילִיגְן תַּנָּא רֶבִּי יוֹחָנָן בֶּן גֻּדְגְּדָא, אַז זַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוֶוען טוֹיבֶּע קִינְדֶער לֹא עָלֵינוּ; דָאךְ זֶעעֶן מִיר וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן אַז זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען מְמוּנֶה אוֹיף אַלֶע טָהֳרוֹת אִין יְרוּשָׁלַיִם (תּוֹסֶפְתָּא תְּרוּמוֹת פֶּרֶק א, יְרוּשַׁלְמִי שָׁם). זֶעט מֶען פוּן דֶעם ווִי דִי הֵיילִיגֶע תַּנָּאִים הָאבְּן אוֹיפְגֶעבּוֹיט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער; אֲפִילוּ זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען טוֹיבּ לֹא עָלֵינוּ, דָאךְ זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זֵייעֶר וֶועג.

אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן סַבְלָנוּת מִיט דַיין זוּן וֶועט עֶר אוֹיסְוַואקְסְן אַ גֶעזוּנְטֶער מֶענְטְשׁ, עֶר וֶועט אוֹיסְוַואקְסְן לוֹיט זַיינֶע כִּשְׁרוֹנוֹת אוּן דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַסַאךְ נַחַת פוּן אִים, אוֹיבּ אָבֶּער דוּ וֶועסְט אִים טְשֶׁעפֶּען וֶועט גָארְנִישְׁט בְּלַייבְּן פוּן אִים.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג פַאר אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דֶעם קִינְד עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין אַז זַיין קָאפּ אוּן מֹחַ זָאל זִיךְ אִים עֶפֶענֶען, עֶר זָאל פַארְשְׁטֵיין לֶערְנֶען אוּן לִיבּ הָאבְּן צוּ לֶערְנֶען - וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע ווָאוּנְדֶער. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן אוֹיף דֶעם אוֹ יִבְנְדֶערְמַאנְטֶער תַּנָּא רֶבִּי יוֹחָנָן בֶּן גֻּדְגְּדָא (חֲגִיגָה ג.) אַז זַיינֶע אֵיינִיקְלֶעךְ זֶענֶען אוֹיךְ גֶעוֶוען טוֹיבֶּע, זֵיי פְלֶעגְן זִיצְן אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ בַּיי דִי שִׁיעוּרִים פוּן דֶעם הֵיילִיגְן תַּנָּא רֶבִּי יְהוּדָה הַנָּשִׂיא אוּן זֵיי פְלֶעגְן זִיךְ שָׁאקְלֶען אוּן מַאכְן מִיט זֵייעֶרֶע לִיפְּן, הָאט רֶבִּי מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אַז זֵיי זָאלְן וֶוערְן גֶעזוּנְט בִּיז זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן אוֹיס טוֹיבּ; דָאס זָאלְסְטוּ טוּן טָאג נָאךְ טָאג, נַאכְט נָאךְ נַאכְט - דַאוֶוענֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע קִינְדֶער אוּן פַאר דֶעם קִינְד, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זֶען נִיסִים.

נָאכְאַמָאל, אִיךְ בֶּעט דִיר אוּן אִיךְ וָוארְן דִיר, גֶעבּ אַכְטוּנְג אִים נִישְׁט צוּ שְׁלָאגְן אוּן נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת במדבר, תש"פ)

**חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג**

אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב

צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט"א
**אויף קול ברסלב**
**דרוקט: 2-4-2-1**
- שמעו ותחי נפשכם -

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: chinuchgilyon@gmail.com

קוֹל בְּרֶסְלֶב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספעפיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363 /קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876